

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

תולדות
תשפ"א לפ"ק
גליון קמ"ד

## פראגע

**דער רב האט געזאגט אז הקב"ה האט געמאכט די פרוכט מיט א הערליכע קאליר, כדי מיר זאלן אנערקענען זיין חסד. פארוואס האט נישט קארטאפל א ציענדע קאליר?**

## ענטפער:

ער וויל וויסן פארוואס דער אויבערשטער האט נישט געמאכט קארטאפל מער קאליר־פול.

אלזא, לאמיר זאגן אז מיר האבן דא א הערליכע רויטע קארטאפל, און אפילו אביסל געל דערויף. עס איז אזוי הערליך אז דו ווילסט עס נעמען און אריינבייסן. דער פראבלעם איז אז **קארטאפל איז רוי** און עס וועט דיר נישט ברענגען צו אנערקענען דעם אויבערשטן. ווייל דו וועסט זיך אנכאפן די בויך און זאגן, "פארוואס האט מיר דער אויבערשטער אנגערייצט פאר גארנישט?!..."

במילא, די אלע פרוכט און גרינצייג וואס זענען נאכנישט גרייט צו ווערן געגעסן תיכף ומיד, האט דער אויבערשטער ספעציעל זיי געמאכט **אן קיין קאליר**, כדי מען זאל האבן געדולד. די באשיידענע קאליר מיינט, האב געדולד! עס זאגט אז מען זאל זיך נישט איילן ווייל עס איז נאכנישט גוט צו עסן יעצט. אבער די אלע זאכן וואס זענען שוין פון פריער **אפגעבאקן געווארן אויפ'ן בוים** און זענען גרייט צו עסן, זיי זענען הערליך!

צומאל זענען דא זאכן וואס זענען גרייט צום עסן, אבער האבן נישט קיין שיינע קאליר, ווי למשל א וואסער־מעלאונע. און די סיבה איז ווייל עס איז **א שאד**; אויב א הערליכע מעלאונע וואלט געווען פון אינדרויסן רויט אדער געל, וואלסטו עס תיכף אויפגעשניטן און אנגעהויבן צו עסן, און די איבריגע וואלט פארפוילט געווארן. ווענן דעם האט אים דער אויבערשטער געגעבן א געדולדיגע קאליר וואס ציט נישט אזוי שטארק, כדי דו זאלסט קענען צוווארטן ביז די גאנצע עולם נעמט זיך צוזאם, און אלע זעצן זיך ארום דעם וואסער־מעלאונע און דאן באשליסט מען עס צו עפענען, און יעדער איינער עסט זיין חלק, און גארנישט גייט נישט פארלוירן.

האבן מיר דא צוויי סיבות, צוויי פעלער פארוואס א קאליר זאל נישט זיין ציענד. אדער ווייל די זאך איז נאכנישט גרייט צו עסן; עס איז א סכנה עס אויפצועסן יעצט און דער קאליר ווארנט דיר אז עס קען זיין ווי־טון די בויך אויב מען עסט עס יעצט. און די צווייטע איז, אויב איז עס צו גרויס פאר איין מענטש אליין עס אויפצועסן, מאכט דער קאליר אז מען זאל ווארטן געדולדיג ביז די גאנצע משפחה נעמט זיך צוזאם און מען נוצט די גאנצע מעלאונע אויפ'ן בעסטן אופן. (#293)

## פראגע

**פארוואס דארפן מיר דאנקען השי"ת פאר'ן אונז אויסהיילן, אויב איז ער דער וואס מאכט אונז קראנק?**

## ענטפער:

די זעלבע קען מען פרעגן: פארוואס דאנקען מיר דעם באשעפער פאר'ן אונז ראטעווען פון אונזערע שונאים, אויב גארנישט געשעט נישט פון זיך אליינס און די שונאים זענען אויך געשיקט געווארן דורך אים? פארוואס זאלן מיר אים דאנקען פאר'ן אונז ראטעווען פון צרות וואס ער האט אליינס געמאכט?

און דער ענטפער איז אז אודאי וואלטן מיר ענדערש געוואלט אז עס זאל קיינמאל נישט זיין קיין שום קרענק און קיין שום שונאים. מיר זאלן אייביג האבן פון אלעם גוטן; מיר זאלן זיצן אנגעלאנט אויף די גראז אונטער די פייגן־ביימער, עסנדיג אייז־קריעם אונזער גאנצע לעבן, אבער דאן ווען וואלטן מיר געטראכט פונעם אויבערשטן? מען וואלט קיינמאל נישט

געטראכט פון אים. אויב אלעס וואלט אייביג געגאנגען אזוי געשמאק, קענט איר זיין זיכער אז הקדוש ברוך הוא וואלט קיינמאל נישט געווען אין אייערע מחשבות.

און דערפאר האט אויסגעפעלט אז דער אויבערשטער זאל ברענגען קרענק צו דערמאנען די מענטשהייט אז ער איז דא. עס איז געווען וויכטיג צו ברענגען שונאים פאר'ן מענטש; און וואס געשעעט? מיר הייבן אן צו שרייען צום אויבערשטן: "אנא השם הושיעה נא!" און "רפאינו ה'", און מיר דערמאנען זיך פון אים. און ווען אט די גרויסע דערגרייכונג פון געדענקען השי"ת ווערט ערררייכט – וואס **דאס איז געווען דער הויפט ציל** פון דעם גאנצן עפיזאד – דאן העלפט ער אונז און שיקט א רפואה און א ישועה.

אייגנטליך איז די ערשטע תועלת געווען א גרעסערע טובה פאר'ן מענטש ווי די צווייטע. און דערפאר דארפן מיר אים דאנקען פאר ביידע. און ווען מיר דאנקען אים פאר'ן אונז היילן, איז עס אייגנטליך א הודאה פאר די גאנצע מצב וואס האט פארלאנגט די היילונג. און דער אמת איז אז דער לימוד וואלט ווען געקענט זיין נאך בעסער אויב די שונאים וואלטן ווען אנגעגאנגען. אויב די שונאים וואלטן ווען געגאנגען ווייטער, וואלטן מיר ווען קונה געווען מער און מער אמונה אין השי"ת. אבער דער אויבערשטער, מיט זיין רחמנות, האט באשלאסן אונז צו געבן **א טויש אין די דיעטע**, און דערפאר נאכן אונז געבן א געוויסע מאס פון לימוד אין אמונה דורך **שווערקייטן**, טוישט ער די טאקטיקן און געבט אונז אמונה אין פארעם פון **גליקליכקייט** ווען מיר ווערן באפרייט פון אונזערע פראבלעמען. אבער אין אמת'ן וואלט ער ווען געקענט אנהאלטן די ערשטע 'טריטעמענט'.

אלזא, ווען מיר דאנקען אים פאר'ן אונז העלפן פון די צרות, דאנקען מיר אים פאר צוויי זאכן. ערשטנס כל, אז ער האט נישט ממשיך געווען מיט די שווערע באהאנדלונג. און צווייטנס, מיר דאנקען אים כדי אויסצונוצן די שמחה אלס נאך א וועג פון אנערקענען און טראכטן וועגן אים. דורכ'ן אים דאנקען, אנערקענען מיר אים מער אין א געשמאקע וועג. און אויב איר דאנקט הקב"ה אז ער האט אייך אויסגעהיילט, וועט ער זען אז איר ווייסט וויאזוי אויסצונוצן די צווייטע סארט וועג און ער וועט ממשיך זיין דערמיט.

און ווילאנג מיר וועלן אויסנוצן דעם גוטן מזל, אונזער שמחה, אונזער געזונט, אונזער שלום און אונזער שפע דורכ'ן אים דאנקען, וועט ער אנהאלטן דעם 'טריטעמענט'. און אויב האבן מיר ליב דעם סארט באהאנדלונג, אויב מיר בעפארצוגן די צווייטע סארט, לאמיר זיכער מאכן אז מיר דאנקען אים אייביג. און בשעת מיר האבן הנאה פון אלע גוטע זאכן וועלן מיר קיינמאל נישט פארגעסן אז די ציל פון די גוטע זאכן איז אונז צו דערמאנען אז דער אויבערשטער געפינט זיך דא. (#40)

## פראגע

## איז אמת אז מלאכים לערנען תורה מיט בעיביס בעפאר זיי ווערן געבוירן? און וויפיל מלאכים דארף מען האבן פאר צווילינגען?

## ענטפער:

יא, עס איז אמת.

די פראגע איז געפרעגט געווארן פון מיר די וואך אויפ'ן טעלעפאן, און איך האב געזאגט דעם מענטש אהערצוקומען היינט נאכט און פרעגן די שאלה ברבים. און דער ענטפער איז אז איין מלאך איז גענוג צו לערנען מיט צוויי בעיביס אויף אמאל. עס איז גענוג איין מלאך פאר צוויי בעיביס.

אבער צו מסביר זיין דעם מאמר וועל איך נעמען א מינוט: דער מאמר חז"ל לערנט אונז אז א מענטש איז נישט בלויז א הוילע זאך; זיי זענען נישט סתם בהמות, אומוויסנדע זאכן, ווען זיי ווערן געבוירן. די תורה לערנט אונז אז די מענטשהייט פארמאגט **א נאטורליכע קוואל פון חכמה**. "מים עמוקים עצה בלב איש" – עס איז דא א אויסטערלישע חכמה, א טיפע פארשטאנד וואס איז נאטורליך אין א מענטשליכן מח. דאס איז "ויפח באפיו נשמת חיים" – דער אויבערשטער האט אריינגעבלאזן **פון זיך** אין א מענטש. דאס מיינט, ווען הקב"ה האט אריינגעלייגט די נשמה אין מענטשן, האט ער אריינגעלייגט ענדלאזע חכמה אין א מענטש.

ווען עס שטייט אז א מלאך לערנט מיט די בעיבי כל התורה בעפאר זיין געבורט, איז עס בדרך מליצה. עס מיינט אז יעדער איינער האט ענדלאזע חכמה אין אים, און אלעס וואס מיר לערנען דורכאויס אונזער גאנצע לעבן איז בלויז צו ערוועקן און אויפלאמען דעם אוצר פון חכמה און צו מאכן אז עס זאל ארויפקומען צום אויבערפלאך. דאס איז די בעסטע וואס איך קען ערקלערן אין די קורצע צייט וואס איך האב. (#55)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!




## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

## בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק
http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**